# ישראל שטערן

# פון עלוע לאסקער-שילער *)

## אברהם און יצחק

(פון די „העברעאישע באלאדען")

אברהם האט געבויט אין דער לאנדשאפט עדן
א שטאדט פאר זיך פון ערד און פון בלאט,
און האט זיך געלערנט מיט גאט צו רידען.

מלאכים האבען גערן געראהט פאר זיין פרומען געצעלט,
און אברהם האט איטליכען דערקענט;
זייערע פליגעל־טריט האבען הימלישע צייכענס איבערגעשטעלט.

ביז זיי האבען איינמאל באנג אין זייער טרוים
מעקענען געהערט די געפייניגטע ציגען,
וואס מיט זיי האט יצחק געשפילט אין קרבנות הינטערן זיסהאלץ־בוים.

און גאט האט דערמאהנט: אברהם ! !
ער האט פונ'ם סאם פון ים אבגעבראכען מייער־קעפעלעך און שוואם.
הויך אויף די פעלזען דעם מזבח צו בעפוצען.

און האט געטראגען דעם בן־יחיד, געבונדען אויף די פלייצעס,
צו ווערען פאר זיין גרויסען האר געשעכט —
דער אבער האט ליעב געהאט זיין קנעכט.

## מיין מוטער

איז זי געווען דער גרויסער מלאך,
וואס איז געגאנגען נעבען מיר?

אדער ליגט זיין מוטער בעגראבען
אונטער דעם הימעל פון רויך —

עס בליהט קיינמאל נישט בלאה איבער איהר טויט.
ווען מיינע אויגען וואלטען געשיינט אמאל העל

און איהר ליכט נעבראכט.
וואלט נישט געווען מיין שמייכעל פערזונקען אין פנים,

איך וואלט איהם אויסגעהאנגען איבער איהר קבר.
אבער איך ווייס פון א שטערן,

וואס אויף איהם איז שטענדיג טאג;
איהם וועל איך טראגען איבער איהר ערד.

איך וועל בסדר איצט זיין איינגאנצען אליין
ווי דער גרויסער מלאך
וואס איז געגאנגען נעבען מיר.

---

*) די גרויסע אידיש־דייטשע פאעטעסע, וואס איז צוליעב די ברוינע געוואלד־געוועלטיגער געווארען פער'גלות'ט.

**עלזע לאַסקער־שילער**

(ייִדיש: ישׂראל שטערן)

אַבֿרהם און יצחק

מײַן מוטער

הײַנט (וואַרשע, 1939–1908)

27, נומ׳ 135, יוני 15, 1934, ז׳ 6